ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח׳

## פרשת ויקהל

שנת תשע"א

**ויקהל משה:** זאגט רש"י למחרת רדתו מן ההר. לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס דארף רש"י זאגן ווען דאס איז געווען?

ענטפערט **הרה"ק רבי יודא לייב מפולנאה זי"ע** וויל רש"י ברענגט ווייטער א לימוד אז וועגן דעם האט די תורה מקדים געווען די מצוה פון **שמירת שבת** צום **מלאכת המשכן** צו זאגן אז בנין ביהמ"ק איז נישט דוחה שבת.

דארף מען פארשטיין פון וואו לערנט מען דאס ארויס, די גמרא זאגט דאך אז משה רבינו האט מתקן געווען צו לערנען הלכות שבת בשבת הלכות חג בחג, אפשר איז יענעם טאג געווען שבת און וועגן דעם האט ער פארגעלערנט הלכות שבת, מילא קען מען פון דעם גארנישט ארויסלערנען?

נאר אויב יענעם טאג איז געווען ממחרת יום הכיפורים קען נישט זיין אז עס איז געווען שבת, ווי די גמרא זאגט שוין אין מס׳ ראש השנה אז יום כיפור קען נישט געפאלן פרייטאג, כדי עס זאל נישט זיין שבת גלייך נאך יום כיפור אז מ׳זאל קענען באערדיגן א מת וואס איז ל"ע אוועק אין יוהכ"פ עיי"ש.

ממילא פארשטייט מען פארוואס רש"י זאגט אז ויקהל משה איז געווען ממחרת יום כיפור, וויל נאר אזוי שטימט דער לימוד אז **אין בנין ביהמ"ק דוחה שבת.**

*

**ויקהל משה את כל עדת בני ישראל וגו׳ וביום השביעי שבת:**

זאגט **דער חיד"א** לויט די גמרא אין מס׳ שבת (דף פ"ח ע"א) וואס זאגט אז ווען אידן האבן געזאגט **נעשה ונשמע** האט יעדער איד באקומען צוויי קרוינען, און ביים חטא העגל האט מען דאס אוועק גענומען פון זיי, ווי דער פסוק זאגט **ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב.** און משה רבינו האט דאס אלעס באקומען, און פון דעם האט זיין פנים אזוי געלויכטן.

דער **אריה"ק** זאגט אז משרע"ה האט נישט געוואלט נעמען די אלע קרוינען פאר זיך מרוב ענותנותו, נאר ער האלט דאס ביי זיך, און יעדן שבת גיט ער דאס צוריק פאר די אידן, און דאס איז די נשמה יתירה וואס יעדער איד באקומט יעדן שבת.

דאס זאגן מיר שבת ביים דאווענען **ישמח משה במתנת חלקו**, אז שבת פריידט זיך משה רבינו מיט זיין אייגענעם חלק, וויל די גאנצע וואך האט ער אויך דעם חלק פון גאנץ כלל ישראל, אבער שבת גיט ער דאס צוריק פאר די אידן.

דאס זאגט דער פסוק **ויקהל משה את כל עד"ת בני ישראל**, משה רבינו האט איינגעזאמלט די גאנצע צירונג (עדת מל׳ עדי"ם) פון כלל ישראל, אבער ער האט זיי באלד געזאגט אז **ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי שבת**, און בזכות שמירת שבת וועלן דאס אידן צוריק באקומען.

*

**כל איש ואשה אשר נדב לבם אותם להביא לכל המלאכה וגו׳ הביאו בנ"י נדבה לה׳:** לכאורה דארף מען פארשטיין דעם טאפעלט לשון אין דעם פסוק.

דער **כתב סופר** איז מסביר דעם פסוק וויל לכאורה ווי אזוי האבן פרויען געקענט ברענגען א נדבה, מיר ווייסן דאך אז אלעס פון א פרוי באלאנגט פארן מאן. נאר עס קען זיין אז די מענער האבן געוואלט אז די פרויען זאלן האבן א טייל אין די מצוה ממילא האבן זיי דאס געגעבן במתנה פאר די ווייבער אז זיי זאלן אויך האבן די זכי׳ צו מנדב זיין פארן משכן.

אבער זיי האבן אויך געוואלט אז זייער קליינע קינדער זאלן האבן א טייל אין די מצוה, און קליינע קינדער קענען דאך נישט קונה זיין מדאורייתא, ממילא האבן זיי גענומען די קינדער אז זיי זאלן זיין שליחים אז זיי זאלן דאס איבערגעבן פאר משה רבינו, ממילא אפילו זיי האבן נישט געקענט ברענגען קיין אייגענס האבן זיי אבער געהאט א טייל אין די מצוה מיט דעם וואס זיי זענען געווען שליחים איבער צו געבן די נדבות פון זייערע עלטערן פאר משה רבינו.

דאס זאגט דער פסוק **כל איש ואשה אשר נדב לבם אותם**, אז אויך די פרויען האבן געהאט א חלק אין די מצוה וויל די מענער האבן זיי געגעבן א חלק במתנה פון זייער געלט, וויל זיי האבן געוואלט אז יעדער זאל האבן א חלק אין די מצוה. און וואס האבן זיי געטון מיט זייערע קליינע קינדער וואס קענען נישט קונה זיין? זאגט דער פסוק ווייטער **הביאו בני ישראל נדבה לה׳**, זיי זענען געווען די שליחים וואס האבן געברענגט די נדבות פון די עלטערן, און אזוי האבן זיי אויך ארויסגענומען זייער חלק אין די מצוה.

### ויקהל משה

די ספה"ק פרעגן פארוואס האט משרע"ה איינגעזאמלט די אידן דוקא **ממחרת יום הכיפורים** ווי נאר ער איז אראפגעקומען פון בארג?

ענטפערט דער **מאדזיצער רבי בעל דברי ישראל זצ"ל** מיט א משל צו א טאטע וואס האט געהאט א באליבט קינד און ער האט אים געמוזט זעהן יעדן טאג, איינמאל האט דער טאטע געמוזט אוועק פארן, ווען ער איז אהיימגעקומען איז ער באלד געלאפן צו זיין זון זיך צו קענען זעהן מיט אים.

דאס איז געווען יעצט ביי משרע"ה נאכדעם וואס ער האט שוין נישט געזעהן די אידן עטליכע חדשים האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן, און באלד **למחרת רדתו מן ההר** האט ער זיי צוזאמען גערופן כדי ער זאל זיי קענען זעהן.

# אוצר הידיעות

## שמן למאור

מיר לערנען די וואך אין די סדרה ווי אזוי אידישע קינדער האבן געברענגט **שמן למאור** פאר די עבודת המשכן.

אין פרשת תצוה האבן מיר געלערנט ווי אזוי דער רבש"ע האט באפוילן צו מאכן די אויל פאר די מנורה, **כתית למאור**, און רש"י זאגט דארט אז פאר די מנורה האט מען געדארפט האבן אויל וואס איז געווען כתית, אבער פאר **מנחות** האט נישט געדארפט זיין **כתית**.

וועלן מיר דא לערנען א משנה אין מסכת מנחות (פ"ח משנה ד') ווי אזוי מ'האט געמאכט די אויל.

די **משנה** זאגט אז עס זענען דא דריי מיני זיתים, וואס פון יעדע איינע קומט ארויס דריי סארט אויל. דאס ערשטע איז די וואס מ'נעמט אראפ פון שפיץ בוים, וואס דאס ווערט די שנעלסטע געצייטיגט, און מ'צודרוקט עס, און מ'לייגט דאס אריין אין קערבלעך, אונטער דעם לייגט מען שיסלען וואס די אויל טראפט דארט אריין. די אויל איז די ערשטע און ריינסטע אויל וואס איז כשר פאר די מנורה.

דערנאך נעמט מען די זיתים און מ'לייגט עס אונטער א שווערן פרעס-ברעט און עס קוועטשט אויס די אויל. און דערויף צומאלט מען די זיתים און אלעס וואס איז נאך געבליבן אינעווייניג קומט ארויס ביים צומאלן. אט די צוויי אוילן זענען **פסול למנורה וכשר למנחות**.

שפעטער אינעם יאר נעמט מען אראפ פונעם ראש הגג, דאס זענען די איילבירטן וואס וואקסן נישט אויפן שפיץ בוים, נאר אינמיטן בוים, דאס ווארט אנגערופן **ראש הגג**, ווייל דאס גרייכט בערך ווי די הייך פון די דעכער פון הייזער, דאס ווערט שפעטער געצייטיגט, און דאס מאכט מען אויך אויפן זעלבן סדר ווי פריער. און די ערשטע איז **כשר למנורה**, און די אנדערע צוויי זענען **כשר למנחות**.

שפעטער נעמט מען אראפ אויך די זיתים וואס וואקסן אונטן פון בוים, און מ'לייגט דאס אריין אין א כלי ביז עס ווערט אביסל פארשימעלט, דערנאך לייגט מען דאס טרוקענען אויפן דאך, און מ'צוקוועטשט עס, און מ'מאכט ווייטער דער זעלבער סדר. אויך דא איז די ערשטע **כשר למנורה**, און די אנדערע צוויי זענען **כשר למנחות**.

די משנה רעכנט ווייטער אויס אז אויך צווישן די אוילן וואס זענען כשר למנחות זענען דא בעסערע און שוואכערע אוילן, און די משנה רעכנט אויס וועלכע זענען די בעסערע אוילן.

דער **רמב"ם** אין הל' איסורי המזבח (פ"ז ה"א) פרעגט אויב אלע אוילן זענען סייווי **כשר למנחות** פארוואס דארף די משנה אויסרעכענען וועלכע זענען די בעסערע? ענטפערט דער רמב"ם ווייל מ'דארף וויסן וואס עס איז די בעסטע און וואס איז וויניגער גוט, ווייל ווען איינער וויל זיך אליין מזכה זיין זאל צווינגען זיין יצר הרע צו ברענגען פון די בעסערע און מער מהודר'דיגע אויל, אפילו עס קאסט טייערער, אזוי ווי עס שטייט ביי הבל וואס האט געברענגט זיין קרבן פון די בעסטע און טייערסטע שעף וואס ער האט געהאט, און דאס איז געווען א נחת רוח פארן אייבערשטן.

# אוצר רבותינו

## ויקהל משה - מסוגל לרפואה

מ'זאגט נאך פון צדיקים אז פר' **ויקהל** איז רמז פאר רפואות, **ויקה"ל** איז ר"ת **ו'רפואה ק'רובה ל'בא**, מיט שם **י-ה**, **מש"ה** איז ר"ת **ש'בת ה'יא מ'לזעוק**.

**הרה"ק רבי הילל פאריטשער זי"ע** פלעגט ארומגיין איבער די שטעט און מקרב געווען אידן צו השי"ת, איינמאל איז ער אנגעקומען צו א שטאט און ער האט געזעהן ווי די וויין סוחרים האנדלען שבת, ער האט גערופן א אסיפה מיט אלע וויין סוחרים און ער האט זיי מסביר געווען דאס הארבקייט פון חילול שבת, און ער האט גע'פועל'ט ביי זיי אז זיי זאלן פארמאכן די געשעפטן און שבת.

די סוחרים האבן זיך אבער אויסגענומען מיט אים אז זיי זענען גרייט צו האלטן שבת נאר אויב ער וועט אויך פועל'ן ביי א גרויסן עושר וואס איז זייער קאנקורענץ אז ער זאל אויך שפארן זיין געשעפט.

רבי הילל האט עטליכע מאל געלאזט רופן יענעם עושר, אבער ער האט זיך נישט וואוסנדיג געמאכט און ער איז נישט געקומען.

רבי הילל איז געבליבן אויף שבת אין די שטאט, אינמיטן שבת האט יענער עושר אנגעהויבן צו שפירן שרעקליכע יסורים, און ער האט געשריגן מיט ביטערע קולות פאר צער און ווייטאג, זיין פרוי האט באלד געטראכט אז דאס האט שייכות מיטן צדיק.

שבת אינמיטן די סעודה ווען רבי הילל איז געזעסן מיטן עולם האט זי זיך אריינגעריסן און געוויינט צו אים אז איר מאן זאל האבן א רפואה. האט רבי הילל געזאגט "שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבא, אויב וועט שבת אויפהערן צו שרייען אויף אים וועט ער האבן א רפואה, גייט זאגט אים אויב וועט ער געבן תקיעת כף פאר דריי מענטשן אז ער וועט האלטן שבת וועט ער האבן א רפואה".

עס זענען באלד געגאנגען דריי חסידים און אים איבערגעגעבן דעם רבי'נס ווערטער, און ער האט זיך באלד געבראכן און אונטערגעגעבן, און זיינע יסורים האבן באלד נאכגעלאזט און א קורצע צייט שפעטער איז ער געווארן געזונט. און פון דעמאלטס אן האט מען געהאלטן שבת אין די שטאט.

# יגעת ומצאת

די וואך לערנען מיר אין די סדרה ווי השי"ת האט געזאגט פאר משה רבינו "ראו קרא ה' בשם בצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה". וואס דער בצלאל האט געבויעט דעם משכן וכליו, איבער בצלאל ווערט געברענגט אין די פסוקים און די גמרא מערערע פרטים, וואס מיר וועלן דא לערנען אין "יגעת ומצאת".

**ווער איז געווען דער טאטע פון "חור"?** (עי' דברי הימים א' ב יט'), **ווער איז געווען די מאמע פון "חור"?** (עי' רש"י שמות לה לו) **ווען איז חור נסתלק געווארן?** (רש"י שמות לה ב) **ווי אלט איז חור געווען ווען ער איז געווארן בצלאל'ס זיידע?** (סנהדרין ס"ט ע"ב) **ווי אלט איז בצלאל געווען ווען ער האט געבויעט דעם משכן?** (עי' מס' סנהדרין דף ס"ט ע"ב) **ווי אזוי האט געהייסן כלב'ס טאטע?** (עי' דברי הימים א' ב' יח) **און פארוואס שטייט אין פסוק בן יפונה?** (סוטה דף י"א ע"ב) **ווי אזוי האט געהייסן כלב'ס טאטע'ס טאטע?** (עי' פר' ויגש מו יב) **בצלאל בן, בן, בן, בן, בן, בן, בן יעקב אבינו ע"ה. פארוואס שטייט אין פסוק עתניאל בן קנז אחי כלב** (עי' רש"י פר' מטות לב יב) **ווי אלט איז געווען בצלאל'ס עלטער זיידע ווען מ'האט געבויעט דעם משכן?** (עי'דברי הימים א' ב' י"ב רש"י, סנהדרין ס"ט ע"ב)

### ראשי תיבות

ווי אזוי מאכט דאס ווארט (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות ק')....

**ק"ו, קלב"מ, קוב"ה, קרי"ש, קמ"ל, קרוב"ץ, קיי"ל, קידה"ש, ק"ז,קרי"ס**

❀ ❀ ❀

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' כי תשא

**א. משה רבינו נתעשר מפסולת שבלוחות, שהיה נעשה מאבן יקר ששמו סנפרינון, ובשעה שמשה קצץ האבנים נפלו הפסולת.**

**ב. שבעה ימים דיבר הקב"ה עם משה אצל הסנה.**

**ג. עצמות יוסף היו תמיד אצל משרע"ה במחנה לוי'**

**ד. משה רבינו למד תורה עם בנ"י ד' פעמים, הוא למד מפי הגבורה וחזרן לפני אהרן, אח"כ לפני בניו, אח"כ לזקנים, ואח"כ לכל ישראל.**

**ה. קרח ודתן ואבירם מכריזין כל ל' יום משה אמת ותורתו אמת.**

**ו. משה רבינו הו"ל דין כהן גדול.**

**ז. ביום חנוכת המשכן כשנשרף שעיר החטאת ומשה רבינו קצף על בני אהרן, אז הודה על טעותו.**

**ח. המן היה בזכות משה ארבעים שנה. הבאר היה בזכותו 11 חדשים. וענני הכבוד ז' חדשים.**

**ט. ברכת הזן את הכל נתקן ע"י משה רבינו ע"ה.**